# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:49
מוצאי שב"ק.....................9:19

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................מלכים-ב' ט'-י'
בבלי.........................גיטין פ"א
ירושלמי.................תרומות נ'
תוספתא.....................נגעים ז'
רמב"ם.סדר התפלות:מ-נהגו העם


פרשת עקב, י"ח אב, אבות פרק ד', שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 12, גליון 45 (615)


# אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן, וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קסט) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אָפְּהִיטְן פוּן הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, וַוייל דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן קוּמְט נָאר פוּן עַצְבוּת, דֶערְבִּיטֶערְנִישׁ אוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן מִיט דִי עֲבֵירָה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מִיט אַ לָשׁוֹן פוּן יְלָלָה - וֵויינֶען. דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם אוֹיס דֶער פָּסוּק וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן, וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה יא, ז): 'וְהָיָה' אִיז אַ לָשׁוֹן שִׂמְחָה, זָאגְט דֶער פָּסוּק: "וְהָיָה", אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט: "וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית", וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס דִיךְ אָפְּהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קכט) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּעַצְבוּת, דֶערְבִּיטֶערְט אוּן דֶעפְּרֶעסְט, בְּרֶענְגְט דָאס צוּ עֶר זָאל חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפְּפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דֶעריבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. נָאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מח): **"וִוי נָאר אַ אִיד וִויל אָנְהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג, וַוייל טְרוֹיעֶר קוּמְט פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס פַיינְט".**

דֶער יֵצֶר הָרָע וִויל אֵיין זַאךְ, אַרַיינְוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַ דֶערְבִּיטֶערְטְקֵייט, אִין אַ פַארְלוֹירְנְקֵייט, אִין אַ יֵאוּשׁ, כְּדֵי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נָאכְדֶעם אַרָאפְּ פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן. דֶערְפַאר דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ. מִיט וָואס זָאל אִיךְ זִיךְ פְרֵייעֶן? אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד, אַז אִיךְ הִיט שַׁבָּת. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה, פַּרְשָׁה כה, יב) **אִם תִּזְכּוּ לִשְׁמֹר שַׁבָּת מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִלּוּ שְׁמַרְתֶּם כָּל הַמִּצְוֹת שֶׁבַּתּוֹרָה**, וֶוער עֶס הִיט שַׁבָּת אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הִיט אָפּ דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, **וְאִם חִלַּלְתֶּם אוֹתָהּ מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִלּוּ חִלַּלְתֶּם כָּל הַמִּצְוֹת**, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען הִיט נִישְׁט שַׁבָּת - לֵייקֶענְט מֶען בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיט מַיינֶע מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס אִיךְ טוּ, אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן אִין אַ גוּטֶע מוּט, גֵייעֶן אַוֶועק פוּן אִים אַלֶע תַּאֲווֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

**וְאָמַר: אֲפִלּוּ כְּשֶׁנּוֹפְלִין לִפְעָמִים לְתוֹךְ רֶפֶשׁ וָטִיט**, אַפִילוּ אַז עֶס הָאט זִיךְ יָא גֶעמַאכְט, אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין אַ בְּלָאטֶע פוּן עֲבֵירוֹת, **שֶׁקָּשֶׁה לוֹ מְאֹד לָצֵאת מִשָּׁם**, וָואס עֶס אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ גֵיין דֶערְפוּן, גֶעבְּט דֶער רֶבִּי אַן עֵצָה: **צוֹעֲקִין וְצוֹעֲקִין וְצוֹעֲקִין!** זָאל מֶען שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁרֵייעֶן. **וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן**, דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט אִין אִידִישׁ אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט אַלֶעס אַרָאפּ גֶעשְׁרִיבְּן אִין לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ אַ גוּטֶע שִׂיחָה, בְּרֶענְגְט עֶס רֶבִּי נָתָן אַרָאפּ אִין אִידִישׁ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט: **"אוּן אֲפִלּוּ אַז מְ'פַאלְט אִין אַ בְּלָאטֶע אַרַיין, שְׁרֵייט מֶען, אוּן מְ'שְׁרֵייט אוּן מְ'שְׁרֵייט", וְהִגְבִּיהַּ יָדָיו קְצָת וְלֹא אָמַר יוֹתֵר**, דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע הֶענְט אוּן נִישְׁט גֶעזָאגְט מֶער.

דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז דָא אַן עֵצָה וָואס מֶען זָאל טוּן וֶוען מֶען פַאלְט אַרַיין אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַז מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. **וְאָמַר**, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, **שֶׁלְּעִנְיַן הַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַבִּלְבּוּלִים שֶׁמְּבַלְבְּלִין לָאָדָם בְּעִנְיָן זֶה, שֶׁדַּיָּהּ לְצָרָה בִּשְׁעָתָהּ** (בְּרָכוֹת ט:) **וְלֹא יְבַלְבֵּל עַצְמוֹ כְּלָל כְּלָל בְּעִנְיָן זֶה לֹא קֹדֶם וְלֹא אַחַר־כָּךְ**, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, פַארְגֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען, הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תלז) בְּשָׁעַת אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל עֶר זָאגְן: **"הַיּוֹם אֲנִי מַתְחִיל לְדָבֵק בְּךָ", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט; וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט אָנְהֵייבְּן צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב. אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן אוֹיבּ בִּין אִיךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין בְּלָאטֶע וֶועל אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע"**, **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט"**, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ קֶענֶען גְרֵייטְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.
(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, עֵקֶב תשפ"ב)

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## אִינְאֵיינֶעם אִין גַן עֵדֶן

וֶוען דֶער צַדִיק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע מִרִימְנוּב זי"ע אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אַ אִינְגֶערְמַאן, אִיז עֶר גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט אַ גַאנְצְן טָאג אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ. זַיין וַוייבּ הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ אוּן זִי הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אַז עֶר זָאל קֶענֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זִי פְלֶעגְט אִים בְּרֶענְגֶען יֶעדְן טָאג צוּ עֶסְן אִין שׁוּל, אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען.

אֵיין טָאג וֶוען זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם בֶּעקֶער קוֹיפְן אַ בְּרוֹיט פַאר אִיר מַאן, הָאט דֶער בֶּעקֶער אִיר מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן אוֹיף בָּארְג, נָאכְדֶעם וָואס זִי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען שׁוּלְדִיג אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן אַזוֹי אִיז אַרִיבֶּער נָאךְ אַ טָאג וָואס זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט בְּרֶענְגֶען צוּ עֶסְן פַאר אִיר מַאן. וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען דֶער דְרִיטֶער טָאג, הָאט זִי זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן זִיךְ אִיז נָאכְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען בֶּעטְן דֶעם בֶּעקֶער אַז אִיר זָאל אִיר גֶעבְּן נָאךְ אֵיין בְּרוֹיט אוֹיף בָּארְג, וַוייל אִיר מַאן הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעגֶעסְן פַאר דְרֵיי טֶעג. דֶער בֶּעקֶער הָאט אָבֶּער בְּשׁוּם אוֹפָן גֶעוָואלְט גֶעבְּן נָאךְ אַ בְּרוֹיט, עֶר הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִי וֶועט אִים אַמָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן.

זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען, זִי הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים בֶּעקֶער אַז עֶר זָאל רַחֲמָנוּת אוֹיף אִיר אוּן אוֹיף אִיר מַאן. זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן וִוי אִיר מַאן הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעגֶעסְן פַאר דְרֵיי טֶעג. דֶעמָאלְט הָאט אִיר דֶער בֶּעקֶער גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבְּן אַ בְּרוֹיט, אָבֶּער נָאר אוֹיבּ אִיר גֶעבְּט מִיר אַוֶועק אֵייעֶר גַאנְצֶער חֵלֶק אִין גַן עֵדֶן!"

אִין אָנְהוֹיבּ הָאט זִי מוֹרָא גֶעהַאט דָאס צוּ

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, בִּיסְט נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט וִוי דוּ מֵיינְסְט; פָארְט בִּיסְטוּ אַ אִיד, בִּיסְט גֶע'ימַלְ'ט, הָאסְט אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, פָארְט טוּסְטוּ אָן תְּפִילִין, הָאסְט אַ מְזוּזָה בַּיי דַיין טִיר, גֵייסְט מִיט צִיצִית, פָארְט עֶסְטוּ כָּשֵׁר'ס אוּן הָעִיקָר בִּיסְטוּ דָאךְ פִיל מִיט גוּטֶע וִוילְן, דוּ וִוילְסְט זַיין גוּט אוּן דוּ גְלֵייבְּסְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַארְפְסְטוּ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ זַיין.
(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֶתְחַנָּן תשפ"ג)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אַזוֹיפִיל סְטְרֶעס

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וִויפִיל דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא רֶבִּי, אַזַא רַחֲמָנוּת'דִיגֶער רֶבִּי, אַזַא דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער רֶבִּי וָואס אִיז אוּנְז מְחַיֶּ' אוּן מְחַזֵק אַ גַאנְצְן צַייט, אוּן פַאר זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים וָואס שַׁיינֶען אוּנְז אַ לִיכְטִיגְקֵייט, מִיר זָאלְן זִיךְ מְחַזֵק זַיין שְׁטֶענְדִיג מִיט אֱמוּנָה.

דוּ הָאסְט אַזוֹיפִיל סְטְרֶעס אוּן אַזוֹיפִיל זַאכְן וָואס גֵייעֶן דִיר נִישְׁט ווִי דוּ ווִילְסְט, אֶפְשָׁר אִיז כְּדַאי זָאלְסְט זִיךְ חַזְרְ'ן דִי וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעשְׁרִיבְּן אִין זַיין צַוָואָה; דִי וֶוערְטֶער וֶועלְן דִיר זִיכֶער אַרַיינְבְּלָאזְן פְרִישֶׁע כּוֹחוֹת אוּן דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

מוֹהֲרָא"שׁ בֶּעט אוּנְז (צַוָואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת יד): "מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אִיר דַארְפְט ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן מֶענְטְשׁ מִיט אַנְדֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן דָאס אַלֶעס אִיז נָאר מִיטְן צִיל צוּ זֶען צוּ וֶועם דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ וֶוענְדְן וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִים אַ צָרָה.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַז אִיר זָאלְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם שְׁוֶועריְקֵייט וָואס גֵייט אוֹיף אַייךְ אַרִיבֶּער סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סֵיי בְּרוּחֲנִיּוּת. אִיר זָאלְט אַייךְ פְּרוּבִּירְן צוּ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ אוּן לוּסְטִיג דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן. שִׂמְחָה אִיז דֶער כְּלִי אַרָאפּ צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת. ווִי מֶער פְרֵיילִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַלְץ אַ גְרֶעסֶערֶע אוּן שֶׁענֶערֶע יְשׁוּעָה בְּרֶענְגְט עֶר אַרָאפּ. שִׂמְחָה בְּרֶענְגְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ הַרְחָבַת הַדַעַת, אוּן וֶוען מֶען הָאט הַרְחָבַת הַדַעַת קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט, מֶען קֶען מְקַבֵּל זַיין אַלֶע רוּחְנִיּוּת'דִיגֶע אוֹרוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אוּן עֶר דֶערְהַאלְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶר פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, אוּן דָאס אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים אִיז נָאר צוּ אוֹיסְלַייטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ. דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁוֶוערֶע גוּף, וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיסְלַייטֶערְן נָאר דוּרְךְ שְׁוֶועריְקַייטְן אוּן יִסּוּרִים.

דֶערִיבֶּער דַארְפְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן וֶוען אִיר הָאט יִסּוּרִים, חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ט) "טוֹב מְאֹד זוֹ מִדַּת יִסּוּרִין, שֶׁעַל יָדֶיהָ הַבְּרִיּוֹת בָּאִים לְחַיֵּי עוֹלָם הַבָּא" - דִי יִסּוּרִים וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, אִיז זֵייעֶר גוּט פַאר אִים, ווַייל דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ חַיֵּי עוֹלָם הַבָּא. דֶערִיבֶּער דַארְפְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אִיר בַּאקוּמְט דִי יִסּוּרִים וָואס וֶועט אוֹיסְלַייטֶערְן אֵייעֶר גוּף פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעקְלֶעבְּט אִין אִיר. גֶעדֶענְקְט גוּט וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.) כָּל שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חָפֵץ בּוֹ, מְדַכְּאוֹ בְּיִסּוּרִין. וְאִם קִבְּלוֹ בְּאַהֲבָה, יִרְאֶה זֶרַע יַאֲרִיךְ יָמִים" - וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ, שִׁיקְט עֶר אִים יִסּוּרִים, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז עֶס מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה, וֶועט עֶר הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער אוּן אַ לַאנְג לֶעבְּן.

מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן? אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִויפִיל יִסּוּרִים אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין מַיין לֶעבְּן, אָן קַיין גֻּזְמָא. אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעוֵויינְט פוּן דִי פִילֶע צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט פוּן אַלֶע זַייטְן, פוּן אִינֶעוֵוייניג אוּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן. אָבֶער אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעטְרֵייסְט מִיט דֶעם אַז בָּרוּךְ ה' אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, אוּן אִיךְ בִּין נָאר אַנְטְלָאפְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר דָאס הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִיבֶּערְקוּמֶען מַיינֶע צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר אוֹיךְ טוּן דִי זֶעלְבֶּע, אִיר זָאלְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. גֶעדֶענְקְט וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא תֵּצֵא) "צָרִיךְ הָאָדָם לְהַחֲזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיִּסּוּרִין בָּאִין עָלָיו, לָמָּה? שֶׁהַיִּסּוּרִין מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר שִׁיקְט אִים יִסּוּרִים. פַארְוָואס? ווַייל דִי יִסּוּרִים שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (סִפְרֵי וָאֶתְחַנַּן) "יְהֵא אָדָם שָׂמֵחַ בְּיִסּוּרִין יוֹתֵר מִן הַטּוֹבָה, שֶׁאִילּוּ הָאָדָם בְּטוֹבָה אֵין נִמְחָל לוֹ עָווֹן שֶׁבְּיָדוֹ, וּבְיִסּוּרִין נִמְחָל לוֹ", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מֶער פְרֵייעֶן מִיט דִי יִסּוּרִים וָואס עֶר בַּאקוּמְט ווִי מִיט דִי גוּטְס וָואס עֶר בַּאקוּמְט, ווַייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר גוּטְס וֶועט עֶר מִיט דֶעם נִישְׁט אָפְּקוּמֶען זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶער וֶוען עֶר הָאט יִסּוּרִים וֶועט דָאס אָפְּמֶעקְן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת."

אִיךְ הָאבּ דִיר מַעְתִּיק גֶעוֶוען אַ חֵלֶק פוּן דִי אוֹת; הַלְוַאי וָואלְסְטוּ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ שִׁיעוּר אִין דֶעם קְלֵיינֶעם סֵפֶר צַוָואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן דָאס גֶעלֶערְנְט - וָואלְסְטוּ נִישְׁט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט אוֹיף דִיר אִיבֶּער.

בְּנוֹגֵעַ דֶעם קָאמְפֵּיין; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט הֶעלְפְן צוּזַאמֶענְעמֶען גֶעלְט פַאר דַיין מוֹסָד, אִיךְ הָאף דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט מִיט מִיר אוּן דוּ וֶועסְט בֶּעטְן אַלֶע דַיינֶע בַּאקַאנְטֶע זָאלְן הֶעלְפְן דַיין מוֹסָד.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מַטּוֹת מַסְעֵי תשפ"ג)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

טוּן, אָבֶער צוּם סוֹף הָאט זִי מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּם גֶעשֶׁעפְט, אוּן זִי הָאט אִים אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן אַ צֶעטְל אַז זִי גֶעבְּט אִים אַוֶועק אִיר גַאנְצֶע גַן עֵדֶן, אוּן עֶר זָאל אִיר גֶעבְּן אַ בְּרוֹיט. עֶר הָאט אִיר טַאקֶע גֶעגֶעבְּן אַ בְּרוֹיט אוּן זִי אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן מִיט אֵיין אָטֶעם צוּ טְרָאגְן דֶעם בְּרוֹיט פַאר אִיר מַאן אִין שׁוּל.

וֶוען זִי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל הָאט זִי גֶעזֶען אַז אִיר מַאן אִיז זֵייעֶר שְׁוַואךְ אוּן פַאר'חַלָּשׁ'ט. גְלַייךְ וֶוען זִי הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט דָאס בְּרוֹיט, הָאט זִיךְ דֶער צַדִּיק גֶעוַואשְׁן אוּן גֶעגֶעסְן. עֶר הָאט אִיר גֶעזָאגְט: "זָאלְסְט ווִיסְן אַז וֶוען דוּ בְּרֶענְגְסְט וֶוען מִיר נִישְׁט יֶעצְט דֶעם בְּרוֹיט, וָואלְט אִיךְ רַחֲמָנָא לִיצְלָן אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פַאר הוּנְגֶער".

אִינְצְווִישְׁן הָאט זִי זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אוּן זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען. וֶוען אִיר מַאן הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס זִי וֵויינְט, הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ פַארְקוֹיפְט מַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא פַאר דִי אֵיינֶע בְּרוֹיט. אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט דַיין לֶעבְּן, אָבֶער וָואס וֶועט יֶעצְט זַיין מִיט מִיר?" דֶער צַדִּיק הָאט אִיר בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ דַארְפְסְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט זָארְגְן, אִין דֶעם זְכוּת פוּן דַיין מְסִירַת נֶפֶשׁ, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גְרוֹיסְן שָׂכָר, אוּן דוּ וֶועסְט זַיין צוּזַאמֶען מִיט מִיר אִין גַן עֵדֶן".

יָארְן שְׁפֶּעטֶער וֶוען זִי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן הָאט מֶען אִיר גֶעלֵייגְט אִינֶעם זֶעלְבְּן אוֹהֶל נֶעבְּן אִיר מַאן. כָאטְשׁ וָואס עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט אִין יֶענֶע צַייטְן צוּ לֵייגְן דִי רֶבִּיצִין נֶעבְּן אַ צַדִּיק, דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ סִימָן אוּן אַ רֶמֶז אוֹיף דֶעם אַז זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין מִיט אִים אִינְאֵיינֶעם אִין גַן עֵדֶן.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י"ז.), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט אַ גְרֶעסֶערֶע שָׂכָר פַאר פְרוֹיעֶן ווִי פַאר מֶענֶער. פַארְוָואס בַּאקוּמֶען דִי פְרוֹיעֶן אַזַא גְרוֹיסֶע שָׂכָר? ווַייל זֵיי הֶעלְפְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, זֵיי זֶענֶען מְחַזֵק אוּן זֵיי שְׁטַארְקְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער אַז זֵיי זָאלְן זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אוֹיךְ ווַייל זֵיי טְרָאגְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִין חֵדֶר צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי וָואס שְׁטֵייט צוּ אִיר מַאנְ'ס זַייט, זִי קוּקְט אַרוֹיף דָאס גוּטְס פוּן אִים, זִי קוּקְט אַרוֹיף דָאס וָואס עֶר שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ גֵיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן זִיכֶער רֶעדְט זִי אִים נִישְׁט אָפּ אוּן זִי מַאכְט נִישְׁט אַוֶועק זַיינֶע גוּטֶע זַאכְן. מִיט דֶעם וָואס זִי אִיז מְחַזֵק אִיר מַאן, וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ פּוּנְקְט אַזַא גְרוֹיסֶע שָׂכָר ווִי אִים, זִי וֶועט זִיךְ טֵיילְן מִיט זַיין חֵלֶק אִין גַן עֵדֶן, אוּן עֶס וֶועט אִיר זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וֶוען מֶען זָאגְט אַז דִי פְרוֹי טֵיילְט זִיךְ מִיט דִי שָׂכָר פוּן אִיר מַאן, מֵיינְט דָאס נִישְׁט אַז יֶעדֶער פוּן זֵיי וֶועט נָאר בַּאקוּמֶען הַאלְבּ. אַז מִיט דֶעם וָואס זִי הֶעלְפְט אִיר מַאן, וֶוערְט אַרָאפְּגֶענוּמֶען אַ חֵלֶק פוּן זַיין שָׂכָר אוּן מֶען גֶעבְּט עֶס פַאר דִי פְרוֹי. דָאס אִיז אַ טָעוּת. חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כ"ד.) אַז דִי מַאן אוּן פְרוֹי זֶענֶען ווִי אֵיין מֶענְטְשׁ, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"ה) אַז אוֹיבְן אִין הִימְל זֶענֶען דִי נְשָׁמָה פוּן אַ מַאן אוּן

<<<<<<

וַוייבּ, אֵיין נְשָׁמָה. נָאר וֶוען דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוערְט עֶס צוּטֵיילְט אִין צְוֵויי גוּפִים, פַּאר דִי מַאן אוּן פַאר דִי וַוייבּ. קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען זֵיי הֶעלְפְן זִיךְ אַרוֹיס אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, זֵיי לֶעבְן צוּזַאמֶען מִיט לִיבְשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם, בַּאקוּמֶען בֵּיידֶע דִי זֶעלְבֶּע שְׂכַר אִינְאֵיינֶעם.

מְ'קֶען נִישְׁט שַׁאצְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי וָואס גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק פַאר אִיר מַאן. זִי אִיז אִים מְחַזֵק אוּן שְׁטַארְקְט אִים, זִי הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס אַז עֶר זָאל קֶענֶען זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אַז עֶר זָאל רוּאִיגֶערְהֵייט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט זַיין דַרְגָה, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט זִי זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר אַ גְרוֹיסֶע שְׂכַר סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"ש חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ אִשָּׁה וְעֶרֶךְ זְכוּת)



ביינער.

**ס'איז דא א רבי** - קיינער פארשטייט מיך נישט? אבער עס איז דא א רבי אויף דער וועלט וואס פארשטייט מיר און קען מיר העלפן! לאמיר זיך צוהערן צו זיינע הייליגע דיבורים און אים פאלגן וועט אונז גוט זיין אויף דער וועלט און אויף יענע וועלט.

**משניות** - א פרייליכע טאנצעדיגע ניגון "ושיעור משניות קודם לכל דבר ועל ידי זה זוכה לנשמה, א פרק משניות זאגן, די בעסטע סגולה. דאס איז מיין רפואה, דאס איז מיין ישועה, א פרק משניות זאגן ברענגט די גאולה" נעם א משניות אפילו אן פארשטיין, בלויז זאגן, וועס פילן אזוי גוט, אזוי לעכטיג!

**היט מיר** - א תפלה פון א איד וואס בעט זיך פון טיפן הארצן צום טאטן אין הימל "אוי באשעפער איך בעט דיר היט מיר מיינע אויגן, היט מיר מיין מחשבה. איך וויל נאר טראכטן פון דיר, איך וויל נאר רעדן צו דיר, איך וויל נאר זען דיר שטענדיג פאר מיר!" געזונגען אויף א געשמאקע פרייליכע ניגון.

**א מופת בין איך** - דער הויכפונקט פונעם אלבום, א הערליכע געשמאקע גראמען מעלאדיע וואס רעדט איבער דעם וואס מוהרא"ש געבט אונז. די גרעסטע מופת איז ווען מען קען נעמען דאס הארץ פון א מענטש און עס איבערדרייען אז ער זאל וועלן צוריק קומען צום אייבערשטן, ער זאל בענקען צום אייבערשטן, ער זאל וועלן זיין נאר וואויל און ערליך, דאס איז די גרעסטע מופת, און דאס איז וואס מוהרא"ש האט געטון מיט אונז, ער האט באוויזן און באווייזט נאכאלץ די גרעסטע מופתים.

ווי איר קענט אליינס זען איז דער אלבום נישט קיין פשוטער מוזיק אלבום, עס וועט אייך געבן חיזוק און התעוררות געבויעט אויף די עצות און ווערטער פון די הייליגע תורה און די צדיקים, אן אלבום וואס וועט זיכער האבן א געוואלדיגע השפעה אויף אייך און אויף אייער משפחה.

די אלבום איז דא צו באקומען ביי די מפיצים, און איבעראל וואו מען קען באקומען אידישע מוזיק. ווי אויך קען מען עס הערן אויף "קול ברסלב" טעלעפאן ליין. דרוקט 1 פאר אידיש, 6 פאר היכל נגינה, און דערנאך 1 און 11.



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# מֶעג אִיךְ אַרַיינְזָאגְן פַאר מַיין מֶענֶעדְזְשֶׁער?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיבּ אַן אַרְבֵּייטֶער מֶעג זָאגְן פַאר זַיין מֶענֶעדְזְשֶׁער אַוֶועקְצוּלֵייגְן זַיין טֶעלֶעפָאן וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ אִים אָדֶער וֶוען עֶר טוּט אַרְבֶּעט אִין דִי וֶוערְהוֹיז?

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אַ פֵיינֶע פַּרְנָסָה, אוּן אִיךְ קוּם זִיךְ בָּרוּךְ ה' זֵייעֶר גוּט אוֹיס מִיט מַיין מֶענֶעדְזְשֶׁער, אָבֶער צוּלִיבּ כַּמָה סִיבּוֹת אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז אִיךְ דַארְף זֵייעֶר אַסַאךְ זַאכְן דוּרְכְרֶעדְן מִיט מַיין מֶענֶעדְזְשֶׁער אוּן אִיךְ וֶוער פָּשׁוּט צֶעדְרֵייט, עֶר קֶען נִישְׁט טוּן עֶפֶּעס פַאר מֶער צְוָואנְצִיג סֶעקוּנְדֶעס אָן אוֹיפְהֵייבְּן אַ טֶעלֶעפָאן קָאל, עֶנְטְפֶערְן אַ וַואטְסְעֶפּפּ, אוּן עֶנְטְפֶערְן אַ בִּיפּ אוֹיף זַיין צְוֵוייטֶע טֶעלֶעפָאן.

עֶס אִיז נִישְׁט אַז עֶר קוּקְט סְטַאטוּס אָדֶער סְתָם שְׁטוּתִים וְכַדוֹמֶה, רוֹב מָאל אִיז עֶס ווִיכְטִיגֶע טֶעלֶעפָאן קָאלְס וָואס הָאט מִיט דִי בִּיזְנֶעס, אָבֶער אִיךְ וֶוער שׁוֹין צוּפְלַאצְט. עֶר זִיצְט אִין אָפִּיס רוֹב טָאג, אָבֶער וֶוען אִיךְ רוּף אִים אָדֶער אִיךְ רֶעד מִיט אִים אִין זַיין אָפִּיס אָדֶער וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אַמָאל אַז אִיךְ דַארְף נָאךְ צְוֵויי הֶענְט, רוּף אִיךְ אִים אַרָאפּ, אוּן רוֹב מָאל עֶנְדִיגְט זִיךְ עֶס אַז אִיךְ דַארְף צְוֵויי מָאל אַרְבֶּעטְן, נָאר צוּ פַארְרֶעכְטְן זַיינֶע טָעוּתִים, אוּן אִיךְ הַאלְט אַז וֶוען עֶר זָאל וֶוען צוּלֵייגְן קָאפּ צוּ וָואס עֶר טוּט, וָואלְט עֶס נִישְׁט אוֹיסְגֶעזֶען אַזוֹי.

מֶעג אִיךְ אִים שֵׁיינֶערְהֵייט זָאגְן עֶר זָאל אַוֶועקְלֵייגְן זַיין טֶעלֶעפָאן?

אִיךְ וָואלְט מִיר זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער, אִיךְ בַּאקוּם אַלֶע מַיינֶע תֵּירוּצִים אוֹיף אַלֶע שְׁאֵלוֹת אִין מַיין לֶעבְן פוּן דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה".

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם זִיךְ מִיט אִין דִי אַרְבֶּעט אַ זֶעקְל סְפָרִים; אַ חוּמָשׁ'ל, אַ מִשְׁנָיוֹת'ל, אַ תְּהִילִים וְכַדוֹמֶה, אוּן זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י. טֵייל אַיין דִי פַּרְשָׁה לוֹיט דִי וָואךְ; זוּנְטָאג לֶערְן בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג לֶערְן בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, בִּיז סוֹף וָואךְ. אוֹיךְ מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן תְּהִילִים.

מֶען גֵייט שׁוֹין בַּאלְד אַהֵיים, דִי נְשָׁמָה גֵייט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן, קֵיינֶער בְּלַייבְּט נִישְׁט לֶעבְּן, אַלֶע מוּזְן אַהֵיימְגֵיין. ווִי לַאנְג לֶעבְּט מֶען? זִיבֶּעצִיג יָאר אָדֶער אַכְצִיג יָאר אוּן נָאכְדֶעם גֵייט דִי נְשָׁמָה אַרוֹיף אוֹיבְן אוּן עֶס אִיז אַזַא רַחֲמָנוּת אוֹיף אִיר, קֵיינֶער ווֵייסְט נִישְׁט דִי צַעַר אוּן ווֵייטָאג וָואס דִי נְשָׁמָה הָאט; דָארְט נוּצְט נִישְׁט קֵיין בִּיזְנֶעס, דָארְט נוּצְט נִישְׁט קֵיין חֲבֵרִים, נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה, תְּפִילָה אוּן גְמִילוּת חֲסָדִים, דָאס נוּצְט מֶען.

גֵיי נִישְׁט אִין אַרְבֶּעט אָן אַ זֶעקְל סְפָרִים, גְרֵייט זִיךְ אָן יֶעדְן טָאג עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען פַאר דִיר. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כג): "בָּעוֹלָם הַבָּא מְנַהֲגִין כַּמָּה בְּנֵי אָדָם בַּחוּץ וְהֵם צוֹעֲקִים בְּקוֹל מַר", אוֹיבְן אִין הִימְל זֶענֶען דָא נְשָׁמוֹת וָואס שְׁרֵייעֶן מִיט אַ בִּיטֶערֶער קוֹל: "תְּנוּ לָנוּ מַה לֶאֱכֹל", גֶעבְּט אוּנְז עֶסְן מִיר זֶענֶען הוּנְגֶערִיג, גֶעבְּט אוּנְז טְרִינְקֶען מִיר זֶענֶען דוּרְשְׁטִיג, "וּבָאִין אֶצְלָם וְאוֹמְרִים לָהֶם: 'הֲרֵי לָכֶם אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה, אִכְלוּ וּשְׁתוּ'", מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי עֶסְן, מֶען זָאגְט זֵיי דָא הָאט אִיר פֵיינֶע עֶסְן, מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי טְרִינְקֶען אוּן מֶען זָאגְט זֵיי דָא הָאט אִיר פֵיינֶע טְרִינְקֶען, "וְהֵם מְשִׁיבִים: 'לֹא לֹא, אֵין אָנוּ צְרִיכִים אֲכִילָה זֹאת, רַק אָנוּ צְרִיכִים אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה שֶׁל תּוֹרָה וַעֲבוֹדָה'", דִי נְשָׁמוֹת שְׁרֵייעֶן נֵיין, נֵיין, נִישְׁט דָאס מֵיינֶען מִיר, נִישְׁט דִי עֶסְן, מִיר דַארְפְן עֶסְן פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, "וְכֵן מְנַהֲגִים כַּמָּה בְּנֵי אָדָם עֲרֻמִּים בַּחוּץ וְהֵם צוֹעֲקִים גַּם כֵּן מְאֹד", נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא נְשָׁמוֹת וָואס שְׁרֵייעֶן: "תְּנוּ לָנוּ בַּמֶּה לְהִתְכַּסּוֹת", בְּרֶענְגְט אוּנְז קְלֵיידֶער, מִיר דַארְפְן זִיךְ צוּדֶעקְן, "וּבָאִין אֶצְלָם וְאוֹמְרִים: 'הֲרֵי לָכֶם מַלְבּוּשִׁים'", מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי קְלֵיידֶער, מֶען זָאגְט זֵיי דָא הָאט אִיר קְלֵיידֶער, "וְהֵם מְשִׁיבִים: 'לֹא, אֵין אֵלּוּ מַלְבּוּשִׁים נִצְרָכִים לָנוּ כְּלָל'", זָאגְן זֵיי נֵיין, נֵיין, נִישְׁט דִי סָארְט קְלֵיידֶער דַארְפְן מִיר, "רַק אָנוּ צְרִיכִים מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים לְהִתְלַבֵּשׁ בָּהֶם", מִיר דַארְפְן קְלֵיידֶער פוּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

אוּן דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס: "אַשְׁרֵי מִי שֶׁזּוֹכֶה לֶאֱכֹל כַּמָּה פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת וְלִשְׁתּוֹת אַחַר כָּךְ אֵיזֶה קַפִּיטְלִיךְ תְּהִלִּים, וּלְהִתְלַבֵּשׁ בְּאֵיזֶה מִצְוֹת", ווַאוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, טְרִינְקְט קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים אוּן טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַיינְטֵיילְן פַאר דַיינֶע בַּעֲלֵי בָּתִּים ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן זֵייעֶר בִּיזְנֶעס, וַוייל אַז דוּ וֶועסְט זֵיי אַיינְטֵיילְן גוּטֶע גֶעדַאנְקֶען ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן דִי בִּיזְנֶעס - וֶועלְן זֵיי דִיר זָאגְן: "זַיי מוֹחֵל, גֵיי עֶפְן אַלֵיין אַ בִּיזְנֶעס", אוּן דוּ וֶועסְט פַארְלִירְן דַיין פַּרְנָסָה. דוּ טוּ וָואס דַיין אַרְבֶּעט אִיז; אַרְבֶּעט גֶעטְרֵיי אוּן וֶוען עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ דִי שָׁעוֹת וָואס דוּ דַארְפְסְט אַרְבֶּעטְן - זָאלְסְטוּ אַהֵיים גֵיין צוּ דַיין מִשְׁפָּחָה, הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ אוּן נָאכְדֶעם גֵיין דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פִּנְחָס תשפ"ג)

BreslevCenter.com\answers

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קסט)

נָאךְ פֶּסַח אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר ווִיל אִים שִׁיקְן מִיט אַ שְׁלִיחוּת צוּ ר' יְהוֹשֻׁעַ פוּן זוּרִין, עֶר זָאל אִים אִיבֶּערְגֶעבְּן אַ כְּתַב מִיט הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיבְּן בִּכְתַב יַד קָדְשׁוֹ, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען אַז ר' יְהוֹשֻׁעַ דַארְף שׁוֹין אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל אִיבֶּערְגֶעבְּן דֶעם כְּתַב פַאר ר' יְהוֹשֻׁעַ, אַז עֶר זָאל זִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען אִין קָאפּ דִי הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן, אוּן דָאס וֶועט אִים זַיין אַ טוֹבָה אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן אוֹיךְ וֶועט עֶר דוּרְךְ דִי שֵׁמוֹת קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן נָאךְ זַיין פְּטִירָה. אוּן אוֹיךְ זָאל עֶר אִים זָאגְן אַז עֶר זָאל יֶעדְן טָאג טְרַאכְטְן פוּן רֶבִּי'ן, בִּיז צוּם טָאג וֶוען עֶר וֶועט נִסְתַּלֵק וֶוערְן.

דִי מַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ בֶּאֱמֶת נָאךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּם עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן דֶעם יָאר, דֶער ר' יְהוֹשֻׁעַ אִיז גֶעוֶוען שְׁטַארְק דָבוּק אוּן מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, אוּן וֶוען עֶר אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן מִיט זַיין קְוִויטְל, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן, הָאט דֶעמָאלְט רֶבִּי נָתָן גֶעזֶען ווִי דִי קְווִיטְל פוּן ר' יְהוֹשֻׁעַ פוּן זוּרִין לִיגְט אוּנְטֶערְ'ן טִישׁ. דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז דִי מֶענְטְשְׁן אוֹיף וֶועמֶען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז זֵיי וֶועלְן נִסְתַּלֵק וֶוערְן אִין יֶענֶעם יָאר, פְלֶעגְט עֶר אַרָאפְּוַוארְפְן זֵייעֶר קְוִויטְל פוּן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּנְטֶערְ'ן טִישׁ. וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס בַּאמֶערְקְט הָאט עֶר זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט פוּן דֶעם דִי גַאנְצֶע צַייט, בִּיז יֶעצְט וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעשִׁיקְט אוֹיף דֶעם שְׁלִיחוּת.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶענוּמֶען דֶעם צֶעטְל אוּן גֶעפָארְן צוּ ר' יְהוֹשֻׁעַ, אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט רֶבִּי נָתָן אַלֵיין זִיךְ אֵיינְגֶע'חַזֶר'ט דִי שֵׁמוֹת, אַז עֶר זָאל עֶס אוֹיךְ גוּט גֶעדֶענְקֶען, אַז עֶר זָאל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן נָאךְ זַיין פְּטִירָה.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

### נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# "אנשי חיל" קאמפיין אין שוואונג

אין די יעצטיגע טעג לויפט דער יערליכער "אנשי חיל" קאמפיין, אין וואס אלע אנשי שלומינו זענען אנגעשלאסן צוזאמצונעמען נדבות פון קרובים און באקאנטע, און ארויסהעלפן דעם ראש ישיבה שליט"א אנצוגיין מיט זיין הייליגע ארבעט. דער קאמפיין וועט אנגיין ביז דעם זונטאג ראה צוועלף אזייגער ביינאכט.

מיר באקומען אזויפיל מתנות און חיזוק פונעם ראש ישיבה שליט"א אין לויף פונעם גאנצן יאר, און יעצט איז די צייט, איינמאל א יאר, ווען מיר קענען ארויסווייזן אביסל אונזער הכרת הטוב פאר'ן ראש ישיבה שליט"א. דער אפיציעלע לינק צום אנשי חיל קאמפיין איז dryveup.com/breslev אויף וועלכע פילע אנשי שלומינו האבן זיך שוין אנגעשלאסן, ווי אויך אויפ'ן טעלעפאן 718-568-5743. די וואס ווילן נאך נעמען א ציל זאלן זען צו רופן וואס שנעלער מו"ה אהרן פיש הי"ו אדער הר"ר אהרן וועבערמאן הי"ו.

גאר א רייכע טעלעפאן ליניע איז געעפענט געווארן ספעציעל פאר'ן קאמפיין, אלע אפדעיטס, געשמאקע אינטערוויוס, און פיל נאך, די נומער איז 646-658-4342.

דאס יאר האט מען זיך געמאכט א ציל אז די גאנצע קאמפיין זאל גרייכן א מיליאן דאלער, וואס לויט ווי די קהילה וואקסט קיין עין הרע, און בפרט לויט די ווארימקייט וואס מען זעט און מען האט געזען אין די פארגאנגענע יארן, דארף מען מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף קענען אנקומען צו דעם ציפער.

זונטאג ראה נאכמיטאג וועט פארקומען א גרויסארטיגער מסיבת הכרת הטוב פאר די אלע וואס האבן גענומען א ציל ביים קאמפיין. ווי אויך וועט מען דארט קענען אויסנוצן די לעצטע שעות פון קאמפיין ארומצורופן אלע באקאנטע צו וועמען מען איז נאכנישט אנגעקומען, און אויפטרייבן גרעסערע סכומים אנצוקומען צום ציל בעזר ה'. די מסיבה וועט פארקומען אין די גרויסע זאלן פון "הורליוויל ארט סענטער" אויף 219 מעין סטריט, הורליוויל. דער גאר רייכער פראגראם וועט זיך אנהויבן אי"ה אום פיר אזייגער, דער ראש ישיבה שליט"א וועט זיך משתתף זיין ביים מעמד.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ערווארט מען היי יאר א שטארקע הצלחה מיט'ן קאמפיין, אנשי שלומינו וועלן ווידעראמאל געבן א געלעגנהייט פאר כלל ישראל צו נעמען א חלק אין דעם הייליגן אמונה פאבריק "היכל הקודש" וואס באלייכט די גאנצע וועלט מיט אירע הערליכע פעולות פון פארשפרייטן אמונה, חיזוק, פאר יעדן איד.

***

# אויסנאם געשמאקע נייע אלבום "א מופת בין איך"

דער לאנגע ערווארטעטער אלבום פונעם ראש ישיבה שליט"א איז נארוואס ערשינען, און עס מאכט שוין כוואליעס אין די גאנצע אידישע וועלט. אין קורצן באשטייט דער אלבום פון צען הערליכע מייסטערהאפטיגע יצירות, וואס אויסערדעם וואס די מוזיק און פראדאקשאן איז אויף די העכסטע מאס פון פראפעשיאנעליזם, און די רעקארדינג איז געשמאק קריסטאל קלאר, פראדוצירט דורך ר' חיים מאיר ערפס הי"ו און ר' ליפא בראך הי"ו, באקאנטע נעמען און גאר טאלאנטפולע אינגעלייט אין די פעלד פון מוזיק און פראדאקשאן, איז אלעס הערליך אראפגעזונגען דורכן ראש ישיבה שליט"א וואס צונעמט די געפילן און עפענען אויף דאס הארץ צום אויבערשטן.

יעדע פון די צען ניגונים האט זיך זיין אייגענע געשמאק און מעסעדזש, ווי פאלגענד:

**אייבערשטער מעדלי** - א געלונגענע צוזאמשטעל פון לעבעדיגע פרייליכע "אייבערשטער ניגונים", אנגעהויבן מיט'ן ניגון "זאל זיין אזוי ווי דער אייבערשטער וויל", און דערנאך פארט עס אריין צום באקאנטן ניגון "ס'איז דאך אלץ נארישקייטן, אלעס איז דער אייבערשטער", און דערנאך גייט עס אריבער צום "דער אייבערשטער איז איבעראל" אויפ'ן ניגון ממלא כל עלמין.

**ערליכער איד** - א הארציגע ווארימע ניגון מיט וואס יעדער קען זיך אויסשמועסן און אויסוויינען צום אויבערשטן "טאטע הייליגע באשעפער, איך וויל זיין אן ערליכער איד".

**טאנץ מיט'ן באשעפער** - א געשמאקע טאנץ ניגון מיט וואס מען בעט זיך ביים באשעפער "הייליגער באשעפער האב אויף מיר רחמנות, איך וויל זיין גוט".

**א לידעלע** - געבויעט אויף די ניגון פונעם הייליגן קדושת לוי זי"ע וואס פלאנצט אריין אז סיי ווען עס גייט גוט אדער חלילה פארקערט איז אלעס גוט און פונעם אויבערשטן, "רבונו של עולם איך וויל פאר דיר א לידעלע זינגען, וואו טאטע זיסער קען איך דיר טרעפן? ווען עס גייט מיר גוט איז עס דו, און חלילה פארקערט איז דאך ווייטער דו".

**האַרץ** - א איד וויינט זיך אויס צום אויבערשטן "איך בין נישט אויסגעארבעט, איך דארף נאך תשובה טון, איך האב נישט קיין סבלנות, איך ווייס נישט וואס צו טון, מיין אויגן איז נישט ריין איך קוק שלעכטע זאכן, מיין מויל איז נישט פיין, איך טו עס שמוציג מאכן, אבער באשעפער קוק מיין הארץ, מיין צובראכענע הארץ, מיין צוריסענע הארץ, באשעפער איך וויל זיין גוט", מיט דעם נעמט אראפ פון זיך אלע מקטריגים.

**אלף בית** - ווען דו ווייסט נישט וואס צו זאגן, נעם די אלף בית וועסטו זיך קענען דערמיט אויסגיסן דיין הארץ, הייליגע באשעפער איך האב אמונה אין דיר, איך האב בטחון אין דיר, איך גלייב נאר אידן דיר, און אזוי ווייטער. געזונגען אויף א נייע געשמאקע ווארץ ניגון. די זיסע קינדערלעך וואס זינגען מיט ביי דעם ניגון, צענעמט די הארץ און צעגייט אין אלע

<<<<<<

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **משה שטיינווארצל** הי"ו

צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג

***

מו"ה **מאטי הערצאג** הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **מענדל באלאבאן** הי"ו

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

## היכל נגינה

גאר א רייכע אויסוואל פון נגינה, מוזיק, און נוסח. ווארעמע און לעבעדיגע, ניגונים און גראמען, פאסיג פאר יעדן מצב

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 6**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >